**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/3/2021 **גאווערנאר קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט קאנסטרוקציע אויף 15 מיליאן דאלערדיגע צוגענגליכע און אונטערהאלטנדע האוזינג דעוועלאפמענט אין אנאנדאגא קאונטי**

***'מאָנאַרך קאָמאָנס' וועט באזארגן 50 צוגענגליכע דירות פאר עלטערע מענטשן און היימלאזע וועטעראנען אין גאר ענערגיע-שפארעדיגע געביידע***

***אינוועסטירונג דערגאנצעט 'CNY רייזינג' - די אויספירליכע סטראטעגיע אויף ווידער-אויפלעבן געגנטער און וואקסן דער עקאנאמיע אין דעם ראיאן***

***סטיליזירונג בילדער צו באקומען [דא]()***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן דאס אנהויבן פון קאנסטרוקציע אויף א 15 מיליאן דאלערדיגע צוגענגליכע און ענערגיע-שפארעדיגע האוזינג אנטוויקלונג מיט 50 דירות אין דעם טאון סיסעראו אין אנאנדאגא קאונטי. 'מאָנאַרך קאָמאָנס' וועט באשטיין פון 35 דירות פאר ערוואקסענע אין עלטער פון 55 און העכער, און 15 דירות פאר וועטעראנען וואס מאכן מיט היימלאזיגקייט אדער האוזינג אומזיכערהייט.

"אזוי ווי מיר פאקוסירן אויף העלפן ניו יארקער זיך ערהוילן פון דער פאנדעמיע, אונטערהייבן שטאנדהאפטיגע און אונטערהאלטנדע וואוינונגען איז איינע פון אונזערע בעסטע סטראטעגיעס צו באקעמפען היימלאזיגקייט און פארזיכערן אז יעדער האט א דאך איבער'ן קאפ," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "'מאָנאַרך קאָמאָנס' וועט נישט נאר העלפן אונזער מערסט באדערפטיגע איינוואוינער אין אנאנדאגא קאונטי, אריינגערעכנט אונזערע וועטעראנען, נאר עס וועט אויך זיין א מוסטער פאר ענערגיע-שפארעדיגקייט בשעת מיר ארבעטן צו שאפן א ריינערע, גרינערע צוקונפט."

'מאָנאַרך קאָמאָנס' וועט באשטיין פון אן איינציגער צוויי-שטאקיגע געביידע מיט 48 איינציג-שלאפצימערדיגע דירות און צוויי צוויי-שלאפצימערדיגע דירות. אלע אפארטמענטס וועלן זיין צוגענגליך פאר הויזגעזונדער וועלכע פארדינען 60 פראצענט אדער ווייניגער פון די ארטיגע דורכשניטליכע איינקונפט.

פופצן פון די דירות וועלן זיין באשטימט פאר וועטעראנען וואס זענען היימלאזיג אדער ריזיקירט אויף היימלאזיגקייט. די יחידים וועלן האבן צוטריט צו שטיצע סערוויסעס אויפ'ן פלאץ, צוגעשטעלט דורך 'סאָלדזשער אָן', א נאציאנאלע ארגאניזאציע וואס ספעציאליזירט זיך אין שטיצן וועטעראנען. סערוויסעס און רענט סובווענצן וועלן פינאנצירט ווערן דורך דעם עמפייער סטעיט אונטערהאלט האוזינג איניציאטיוו און אדמיניסטרירט דורך דער ניו יארק סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאַביליטי הילף.

'מאָנאַרך קאָמאָנס' איז אויסטיליזירט צו זיין אין איינקלאנג מיט ענערגיע-שפארעדיגקייט און גרינע געביידע סטאנדארטן געפאדערט אונטער דעם ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג

אויטאריטעט׳ס נייע קאנסטרוקציע - האָוזינג פראגראם (טיער 3) און דער פראיעקט וועט זוכן צו באקומען LEED סערטיפיקעישען. אנדערע ענערגיע-שפּאָרעדיגע אייגנשאפטן רעכענען אריין LED באלייכטונג, לייכט-פליסיגע פלאמבינג אויסריכטונגען, אנגייענדע-אפערירונג באדעצימער פענס , און אלע ׳ענערדזשי סטאר׳ אדער ענליכע עפלייענסעס, אויסריכטונגען, און באלייכטונגען.

יעדע דירה וועט האבן א רחבות׳דיגע סטאָרעדזש ארט, מאדערנע קיך באקוועמליכקייטן און א טעראסע אדער באלקאן. באדעצימערן וועלן זיין אויסגעריכטעט מיט אנכאפ-שטאנגען און עמערדזשענסי שלעפּ-שטריקלעך. געביידע באקוועמליכקייטן וועלן אריינרעכענען א לאונדזש, קאמיוניטי צימער, עקסערסייז צימער, און קאמפיוטער צימער. די געביידע וועט אויך פארמאגן א געאייגנטע אפיס ארט און א באזונדערע זיצונג ארט פאר די אונטערהאלט סערוויס פּראָווײדער. דער פראיעקט׳ס דעוועלאפער איז ׳CDS מאנארך אינק.׳

סטעיט פינאנצירונג רעכנט אריין פעדעראלע נידעריגע-איינקונפט האוזינג שטייער קרעדיטס וואס וועלן ברענגען 12 מיליאן דאלאר אין עקוויטי און 2.5 מיליאן דאלאר אין סאָבּסידי פון די ניו יארק סטעיט ׳האומס ענד קאמיוניטי ריניועל׳. NYSERDA וועט צושטעלן 175,000 דאלער אין שטיצע. נאך פינאנצירונג ווערט צוגעשטעלט דורך דער ׳CDS וואלף פאנדעישען׳ און דער צענטראל ניו יארק קאמיוניטי פאנדעישען.

׳מאָנאַרך קאָמאָנס׳ איז א טיל פון דער סטעיט׳ס פרעצעדענטלאזע, 20 ביליאן דאלעדיגע און פינף-יעריגע האוזינג פלאן צו מאכן דירות מער צוגענגליך און באקעמפן היימלאזיגקייט דורך בויען אדער פרעזערווירן איבער 100,000 צוגענגליכע וואוינונגען און 6,000 וואוינונגען מיט אונטערהאלט סערוויסעס. זינט 2011 האט ניו יארק סטעיט ׳האומס ענד קאמיוניטי ריניועל׳ אינוועסטירט איבער 190 מיליאן דאלער אין אנאנדאגא קאונטי, וועלכס האט געשאפן אדער פרעזערווירט קרוב צו 2,800 צוגענגליכע וואוינונגען.

**HCR קאמישענער רוט-ענע וויסנאוסקאס האט געזאגט,** "׳מאָנאַרך קאָמאָנס׳ וועט באזארגן אירע איינוואוינער מיט באקוועמע און ענערגיע-שפּארעדיגע דירות כדי אז זיי זאלן קענען וואוינען געזונטע און זעלבסטשטענדיג לעבנס אין א הערליכע נייע געביידע. מיט 15 שטיצנדע וואוינונגען פאר וועטעראנען ערפילן מיר אויך א צוזאג צו באזארגן די וועלכע האבן מיט העלדישקייט געדינט אונזער לאנד דורך זיי אנבאטן די מעגליכקייט צו וואוינען אין ארנטליכע און צוגענגליכע שטובער מיט צוטריט צו די סערוויסעס אין וואס זיי נויטיגן זיך. א דאנק אייך CDS האָוזינג און אונזער סטעיט צוזאמענארבעטער פאר׳ן אונז העלפן בויען הויכע-קוואליטעט נייע האָוזינג אין סיסעראו."

**OTDA עקזעקיוטיוו דעפיוטי קאמישענער בארבארא סי. גווין האט געזאגט,** "עלטערע מענטשן — באזונדערס די וועלכע האבן געדינט מיט עהרע אין אונזערע מיליטערישע קראפטן — זאלן האבן די מעגליכקייט זיך צו עלטערן אין פריידן אינערהאלב זייער קאמיוניטי און קיין מורא פון האָוזינג אומזיכערהייט. אנטוויקלונגען ווי ׳מאָנאַרך קאָמאָנס׳ ערפילן א נויט פאר די ניו יארקער דורך זיי באזארגן מיט זיכערע, צוגענגליכע האָוזינג און אונטערהאלט סערוויסעס וואס זיי קענען אויסניצן אויסצומיידן ערזעצונג פון זייער קאמיוניטי אדער דעם שרעקליכן אויסזיכט פון היימלאזיגקייט. איך אפלאדיר גאווערנער האקול פאר אנערקענען די וויכטיגקייט פון אונטערהאלט האוזינג און העלפן פראיעקטן ווי די אין סיסעראו געברענגט צו ווערן צו דער ווירקליכקייט."

**דאריען עם. האריס, פרעזידענט און CEO פון NYSERDA, האט געזאגט,** "קאנגראטולאציעס צו ׳מאָנאַרך קאָמאָנס׳ אויף דער גרונטשטיין לייגן און דער אנטשלאסנקייט צו ברענגען ענערגיע-שפּאָרעדיגע און געזונטע קלימאט לייזונגען צו וואוינונגען פאר סיניאָרס און היימלאזע וועטעראנען אין אנאנדאגא קאונטי. פארזיכערן אז אונזער מערסט באדערפטיגע טיילן פון דער באפעלקערונג האבן

זיכערע, צוגענגליכע און באקוועמע וואוינונגען איז א פריאריטעט דא אין ניו יארק און דער קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג אקט פריאריטיזירט ליפערן בענעפיטן צו די יחידים אלס טייל פון אונזער טראנזיציע צו א ריינע ענערגיע עקאנאמיע."

**סטעיט סענאטאר רעיטשעל מעי האט געזאגט,** "צענטראל ניו יארק איז אין ערנסטע נויט אויף מער צוגענגליכע האוזינג יוניטס. עס פריידט מיך זייער צו זען ווי דער פראיעקט ציעט זיך פאראויס אין סיסעראו פאר עלטערע ניו יארקער און וועטעראנען וואס שטייען אויס האָוזינג אומזיכערהייט. מענטשן אויסער'ן שטאט קומט זיך צוטריט צו הויכע-קוואליטעט צוגענגליכע האוזינג און איך האף אז דער פראיעקט וועט דינען אלס א מוסטער פאר העכערן אפציעס פאר איינוואוינער לענגאויס דעם לאנד און דעם סטעיט."

**אסעמבלי-מיטגליד אל סטירפע האט געזאגט,** "׳מאָנאַרך קאָמאָנס׳ איז א וועגווייזיגע פראיעקט אויף פילע שטאפלען. ענערגיע-שפּאָרעדיגע, צוגענגליכע דירות פאר אונזערע סיניאָר און וועטעראן באפעלקערונג וואס באזארגן שטיצע סערוויסעס אויפ׳ן פלאץ וועט זיין טראנספארמירנד. דאס צושטעלן צוטריט צו טעכנאלאגיע, זיכערהייט אייגנשאפטן און א קשר מיט דער קאמיוניטי איז העכסט נויטיג אויף צו באקומען די הויכע-קוואליטעט באנעמונג אין וואס מענטשן נויטיגן זיך. מיר קוקן ארויס אויף זיי ווארעם אויפצונעמען צו דעם געגנט."

**סיסעראו טאון סופערוויזער ביל מעיער האט געזאגט,** "עס איז דא אן אמת׳ער מאנגל אין צוגענגליכע דירות פאר וועטעראנען. די נייע דירות וועלן זיין א גרויסע טריט פאראויס אין העלפן באזארגן צוגענגליכע האָוזינג מיט ארטיגע סערוויסעס."

**ענדרו סוואנאט, טשיעף אפערעיטינג אפיסער פון ׳CDS לייף טרענזישענס׳, האט געזאגט,** "CDS איז דערהייטערט זיך אנצושליסן מיט דער סטעיט ניו יארק אין באזארגן זיכערע, צוגענגליכע און הויכע קוואליטעט האָוזינג פאר אונזערע וועטעראנען. ׳מאָנאַרך קאָמאָנס׳ בויט אויפ׳ן גרונד פון אונזער ׳וואָריאָר סאלוט׳ פראגראם אין ראטשעסטער, און פארטרעט א פארשפרעכונג צו אונזערע העלדישע מענער און פרויען וואס קומט זיך גארנישט ווייניגער ווי דאס שענסטע און דאס בעסטע וואס דער לאנד האט אנצובאטן."

**פארשנעלערן "CNY רייזינג"**

דער דעוועלאפמענט דערגאנצעט "CNY רייזינג", דער ראיאן׳ס אויספירליכע בלופרינט אויף צו שאפן שטארקע עקאנאמישע וואוקס און קאמיוניטי דעוועלאפמענט. דער ראיאניש-פלאנירטער אויסלייג וועט זיך קאנצענטרירן אויף קאפיטאליזירן אויף אינטערנאציאנאלע האנדל געלעגנהייטן, פארשטערקערן ענטרעפעניורשאפט און שאפן אן אינקלוסיווע עקאנאמיע. איצט טוט דער ראיאן פארשנעלערן "CNY רייזינג" מיט א 500 מיליאן דאלערדיגע סטעיט אינוועסטירונג דורך דער אפסטעיט ווידער-אויפלעבונג איניציאטיוו. דער סטעיט׳ס 500 מיליאן דאלערדיגע אינוועסטירונג וועט אינצענטיווירן פריוואטע ביזנעסער אויף צו אינוועסטירן פיל מער פון 2.5 ביליאן דאלער, און דער ראיאן׳ס פלאן, ווי איינגעגעבן, פארזעהט ביז 5,900 נייע צוגעקומענע דזשאבס. מער אינפארמאציע איז צו באקומען [דא.]

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן